# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח' | פרשת דברים | שנת תשע"א

**הואיל משה באר את התורה הזאת: פרש"י בע' לשון פרשה להם.** לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס פונקט יעצט אין ערבות מואב האט משה רבינו מחליט געווען צו מפרש זיין די תורה בשבעים לשון.

ענפערט **הגאון רבי זיינוויל איגר ז"ל** אז רש"י אין פר' בראשית זאגט אז די תורה הייבט זיך נישט אן פון **החודש הזה לכם** כדי די גוים זאלן נישט זאגן אז אידן זענען גנבים מיט דעם וואס זיי האבן איינגענומען די לאנד פון די שבעה עממין, ווען דעם דערציילט די תורה די גאנצע מעשה פון בראשית, אז זיי זאלן זעהן אז די גאנצע וועלט באלאנגט פארן אייבערשטן און ער גיט דאס פאר וועמען ער וויל.

וועגן דעם ווען אידישע קינדער זענען געקומען קיין ארץ ישראל, האט משה רבינו קודם איבערגעטייטשט די תורה אויף אלע זיבעציג שפראכן כדי די גוים זאלן זעהן אז ארץ ישראל באלאנגט פאר די אידן, און דאס איז געווען די סיבה פארוואס ווען מ'איז געשטאנען **בעבר הירדן** האט אזוי וויכטיג אויסגעפעלט איבערצוטייטשן די תורה אויף אלע לשונות.

*

**יוסף עליכם ככם אלף פעמים ויברך אתכם כאשר דיבר לכם.**

זאגט רש"י אז די אידן האבן געפרעגט משה רבינו 'דו גיסט א גרעניץ פאר אונזערע ברכות, נאר טויזנט מאל?' האט זיי משה געענטפערט 'די ברכות איז פון מיר, אבער דער אייבערשטער וועט ענק בענטשן אן קיין מאס כאשר דיבר לכם. לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס האט זיי משה רבינו טאקע געבענטשט פונקט אלף פעמים?

ענטפערט דער **הפלא"ה** אז דער אייבערשטער האט צוויי מאל געזאגט פאר משה רבינו א ברכה '**ואעשה אותך לגוי גדול**' איינמאל ביים חטא העגל, און איינמאל ביי די מרגלים. אבער עס שטייט קיינמאל נישט ארויסגעשריבן ווי גרויס דער רבש"ע האט געוואלט מאכן משה רבינו.

נאר חכמינו ז"ל זאגן (עי' רש"י שמות ל"ד) **מדה טובה מרובה ממדת פורעניות חמש מאות,** קומט אויס אז יעדע מאל וואס דער רבש"ע האט געגעבן פאר משה רבינו ע"ה די ברכה איז דאס געווען אז ער זאל זיין פינף הונדערט מאל אזויפיל וויפיל די אידן, בסך הכל איז דאס טויזנט.

און חז"ל זאגן אז יעדע דיבור וואס קומט ארויס פונעם אייבערשטנס מויל, אפילו אויב דאס איז נאר געזאגט געווארן על תנאי ווערט דאס נישט צוריק געצויגן, קומט אויס אז אפילו דער אייבערשטער האט נישט פארטיליגט כלל ישראל בלייבט אבער די ברכה ביי משה רבינו.

דאס האט משה רבינו געזאגט **זו משלי,** די ברכה פון **אלף פעמים,** דאס גיב איך פון מיר ווייל די צוויי ברכות פון פינף הונדערט האט מיר דער אייבערשטער געגעבן און דאס קען איך ענק אנוואונטשן, אבער דער אייבערשטער אליין וועט ענק בענטשן אן קיין גרעניץ **כאשר דיבר לכם.**

*

דער **ישמח משה** זאגט א צווייטע תירוץ אויף די קשיא, ווייל דער כלל איז אז געבן אן קיין גרעניץ דאס קען נאר דער בוכ"ע וואס ער אליין איז אן קיין גרעניץ.

און עס ווערט געברענגט פון פריערדיגע אז דער דור פון די מקבלי התורה איז יעדער פון זיי געווען ווערט אזוי ווי טויזנט מענטשן, ווי דער פסוק זאגט (תהילים ק"ה) **דבר צוה לאלף דור.** און עס איז באקאנט פון ספה"ק אז משה רבינו האט געוואויגן קעגן אלע אידן.

יעצט ווען משה רבינו האט גערעדט צו די אידן זענען שוין אלע אידן וואס זענען געווען ביים מעמד קבלת התורה געווען געשטארבן, און יעצט איז געווען א נייער דור פון זייערע קינדער. קומט אויס אז משה רבינו האט געוואויגן טויזנט מאל קעגן דעם גאנצן יעצטיגן דור, ווייל ער איז געווען קעגן דעם גאנצן פריערדיגן דור, וואס יעדער איז שוין געווען טויזנט מאל מער פון יעדן פון דעם דור.

דאס האט זיי משה רבינו יעצט געזאגט **יוסף עליכם ככם,** דער אייבערשטער זאל פארמערן דוקא ווי דער דור וואס עטס זענטס, נישט ווי ענקערע עלטערן, **אלף פעמים,** טויזנט מאל אזויפיל, פארוואס גיב איך נאר אזויפיל? ווייל **זו משלי,** דאס איז וויפיל איך קען ענק געבן ווייל דאס האב איך, אבער השי"ת **יברך אתכם כאשר דיבר לכם,** דער אייבערשטער קען געבן בלי גבול ובלי תכלית.

## שבת חזון

דער **הייליגער תפארת שלמה זי"ע** זאגט אז פרשת דברים געפאלט אלעמאל אויס דער לעצטער שבת פון די בין המצרים פאר תשעה באב, וואס ווערט אנגערופן שבת חזון.

טייטשט ער מיט דעם דער פסוק **ה' אלקינו דיבר אלנו בחורב,** דער אייבערשטער זאגט אז כאטש דער ביהמ"ק איז ליידער חרוב געווארן, און אידישע קינדער קענען שוין נישט עולה רגל זיין אין אלע מועדי השנה אזוי ווי בזמן שבית המקדש היה קיים, דאך **רב לכם שבת,** איז נאך אלס דא דער הייליגער שבת, וואס שבת קודש איז קביעא וקיימא ביי כלל ישראל אפילו בזמן שאין בית המקדש קיים.

# אוצר הידיעות

## עד אשר יניח ה' אלקיך

דער ילקוט הראובני ברענגט אז ער האט געזעהן אין א ספר אז נאכדעם וואס יהושע בן נון האט איינגענומען ארץ ישראל און גע'הרג'עט די ל"א מלכים, איז געווען א זון פון איינעם פון די מלכים מיטן נאמען **שובך** וואס ער האט צוזאמען גענומען 45 מלכים פון מדי ופרס, און ער האט געשיקט א שארפן בריוו פאר יהושע בן נון אז זיי גרייטן זיך נקמה צו נעמען אין די אידן אויף דעם וואס זיי האבן געטון פאר די ל"א מלכים.

און ער האט דארט אראפגעלייגט די שטארקייט פון אלע זיינע גיבורים, ובפרט דער יפת הגיבור וואס ער איז געווען זייער בארימט. דער בריוו האט שטארק צובראכן יהושע בן נון, אבער ער האט זיך איינגעהאלטן ביז נאך שבועות כדי נישט צושטערן דעם יו"ט פון אידישע קינדער, נאכדעם האט ער צוזאמען גענומען די אידן און זיי פארגעליינט דעם בריוו און אויסגערעכנט אלע נצחונות וואס זיי האבן געהאט ביז יעצט, אבער דאך האט אים דער בריוו שטארק צובראכן, און ער האט מורא פון די גוים.

אבער די אידן האבן אים מחזק געווען און זיי האבן אים געהייסן צוריק שרייבן פאר **שובך** אז ער איז גרייט צו גיין אין מלחמה, און מיטן נאמען פונעם אייבערשטן וועט ער מצליח זיין. ער האט אים איינגעמאלדן אז ביז זיבן טאג וועט ער קומען צו די מלחמה, און ער האט נישט מורא פון זייערע גיבורים ווייל ער קומט מיט מלאכים פון הימל.

ווען דער שליח האט געברענגט דעם בריוו פאר שובך און ער האט אראפגעלייגט די גבורות פון יהושע בן נון און זיין שטארקייט, האט שובך געוואלט צוריק ציעהן פון די גאנצע זאך, אבער זיין מאמע וועלכע איז געווען א גרויסע מכשיפה האט אים צוגעזאגט אז מיט איר כישוף וועט זי אונטערברענגען דעם כח פון די אידן, און זיי איינשפארן אונטער זיבן אייזערנע מויערן.

ווען יהושע האט געזעהן די מויערן האט ער מתפלל געווען צום אייבערשטן, און ער האט געשיקט א בריוו צו **יניח** וואס ער איז געווען דער מלך אויף די בני גד ובני ראובן וואס זענען געווען מעבר הירדן, און ער האט אים געבעטן אז ער זאל קומען העלפן די מלחמה מיט זיינע מענטשן, און מיט פינחס הכהן וועלכער זאל מיטברענגען די שני **חצוצרות התרועה**. דעם בריוו האט ער געשיקט מיט א פייגל וואס האט דאס אפגעטראגן צו יניח.

ווען **יניח** איז געקומען צוגיין מיט זיין מיליטער האט די מאמע פון שובך געזאגט פאר איר זון אז זי קען זיך נישט קיין עצה געבן קעגן איהם. שובך איז געווארן אויפגערעגט אויף זיין מאמע וואס זי האט אים אריינגעשלעפט אין דעם פלאנטער, און ער האט געהייסן אז מ'זאל איר אראפ ווארפן פון די חומה פון די שטאט.

**יניח** איז אריינגעקומען אין די מלחמה, און ער האט גע'הרג'עט דעם **שובך**, און פינחס האט געבלאזן מיט זיינע **חצוצרות**, און מיט יעדע בלאז האט זיך געעפענט נאך א חומה, ביז אלע חומות האבן זיך געעפענט און די אידן זענען אריינגעגאנגען און אויסגע'הרג'עט זייערע פיינט און נישט איבערגעלאזט אפילו איינעם..

דאס איז מרומז אין די סדרה די וואך אינעם פסוק **עד אשר יניח ה' אתכם**, וואס דאס איז דער רמז אויף די ישועה וואס וועט קומען דורך **יניח**.

# אוצר רבותינו

## וחצרות ודי זהב

פעם אחת בא חסיד אחד להרה"ק בעל **תפארת שלמה** זי"ע ובכה לפניו במר נפשו שיש לו בת שהגיעה לפרקה ואין בידו להשיאה כי הוא עני ואביון, וכן כתב בהקוויטל שהגיש להרבי שהוא "**עני**".

כאשר ראה ה**תפארת שלמה** שכתב "עני", אחזתו פחד ואימה והכריז "עני?! צא מביתי! עני חשוב כמת, והרי אני כהן ואסור לכהן להטמא למתים". אח"כ חזר בעצמו וקרא לו שיחזור לביתו ואמר "הלא אתה מת מצוה, ומותר לכהן להטמא למת מצוה".

כל הסובבים צחקו מדבריו, אבל התפארת שלמה פנה אליו בשאלה "אני רואה שיש לך דאגה לנשואי בתך, האם יש לך לחם לאכול?", אמר העני "לא רבי, אין לי לחם לאכול".

שאל אותו הרבי "אבל הלא אתה מברך בכל יום ברכת המוציא, מנין לך פת לברך על זה המוציא?". ענה העני שאשתו עוסקת קצת בפרנסה ומהמעט ממון שהיא מביאה לבית הוא קונה פת לחם.

"א גוט געשעפט" הכריז הצדיק "אשתו מפרנס אותו! הלא כבר ראינו מה היה כאשר אשתו של אדם הראשון רצתה לפרנס אותו, ומה נגרם ע"י זה, חטא עץ הדעת, והוא עדיין אומר שאשתו מפרנס אותו...

אחר כך שאל אותו הרבי "מה פרנסת אשתך?", סיפר שהיא הולכת בין בתי הפריצים למכור ירקות.

אמר הרבי "אם כן הלא כתיב בפרשתן "**וחצרות**", אם הולכים בין חצרות הפריצים "**ודי זהב**" צריך שיהיה הרבה ממון, לך לשלום והשי"ת יעזור לך שאשתך תצליח בפרנסתה".

כאשר בא לביתו ואשתו שאלה אותו מה אמר לך הרבי? לא ידע מה לענות לה.

אחרי ימים אחדים כאשר אשתו באה לביתו הביאה עמה שק שמצאה בחצר הפריץ משוקע בבוץ. וכאשר פתחו אותה מצאו שם 300 רענדלער. וחלקו את הממון מאה וחמישים לצרכי החתונה, ומהשאר עשה מסחר והצליח ה' דרכו ונשאר בעל פרנסה על כל ימי חייו.

# יגעת ומצאת

שטייענדיג אין די ימי האבלות פון אנהייב חודש מנחם אב וועלן מיר לערנען איבער די פרטים פונעם חורבן פון ערשטן בית המקדש וואס איז חרוב געווארן ביום תשעה באב.

**ווער האט געבויעט דעם ערשטן ביהמ"ק? וויפיל יאר נאך יציאת מצרים?** (מלכים א' ו' א') **די וויפלטע יאר פון זיין מלוכה?** (שם) **וועלכע יאר לבריאת העולם** (סדר הדורות) **וויפיל יאר האט גענומען צו בויען דעם ביהמ"ק?**(מלכים א' ו' ל"ח) **ווילאנג איז געווען אויפן מזבח דער פייער פון הימל וואס איז אראפגעקומען אין די צייטן פון שלמה המלך?** (זבחים סא ע"ב)**? ווי אזוי דאס אראפ געקומען פון הימל?** (יומא כ"א רש"י ד"ה רבוצה) **ווי אזוי האט אויסגעזעהן דאס פייער ביים בית ראשון?** (שם) **ביים בית שני? וואס האט שלמה המלך איינגעפלאנצט אין ביהמ"ק?** (שם) **ווען האט עס אויפגעהערט צו וואקסן? וויפיל כהנים גדולים זענען געווען ביים ערשטן ביהמ"ק?** (שם) **ביים צווייטן ביהמ"ק? אין וועלכע יאר האט מען גע'הרג'עט דעם נביא זכרי'?** (סדר הדורות) **אין וועלכע טאג אין די וואך?** (מדרש איכה פ"ב) **וואס נאך איז דעמאלטס געווען? פארוואס האט מען אים גע'הרג'עט?** (דברי הימים ב' כ"ד כ') **וויפיל יאר האט זיין בלוט געקאכט?** (סדה"ד) **ווי אזוי האט זיך דאס אפגעשטעלט?** (גיטין נ"ז ע"ב) **וואס איז געשעהן עשרה בטבת?** (מלכים ב' כ"ה א') **ווילאנג האט דאס געדויערט?** (שם פסוק ב') **וואס איז געשעהן שבעה עשר בתמוז?** (שם פסוק ג' ועי' ברד"ק) **וואס איז געשעהן ז' באב?** (שם כ"ה ח', תענית כ"ט) **וועלכע יאר איז געווען חורבן בית ראשון?** (סדר הדורות) **דורך וועלכע מלוכה?** (מלכים ב' כ"ח) **ווער איז געווען דער קעניג? דורך וועלכן גענעראל? וואס איז צום סוף געשען מיטן גענעראל?** (גיטין נ"ז ע"ב) **ווער איז ארויסגעקומען פון אים?**

❀ ❀ ❀

### תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' מסעי

**א. רש"י, נולד בשנת ד' אלפים ת"ת. נפטר כ"ט תמוז תתס"ה.**

**ב. אמו היתה אחות רבי שמעון הזקן, תלמיד רבינו גרשום מאור הגולה.**

**ג. רש"י ר"ת רבינו שלמה יצחקי.**

**ד. הי' לרש"י ג' בנות, שנשאו לרבינו מאיר ב"ר שמואל, רבינו יהודה ב"ר נתן הריב"ן, רבינו אפרים.**

**ה. נכדי רש"י בעלי התוספות היו הרשב"ם** (רבי שמואל ב"ר מאיר)**, הריב"ם** (רבי יצחק ב"ר מאיר)**, ורבינו תם** (רבינו יעקב ב"ר מאיר)**. וקראו אותו רבינו תם כדי שלא להחליפו עם הריב"ם, וע"ש הפסוק ויעק"ב איש תם.**

**ו. רש"י התענה 613 תעניתים קודם שהו"ל חיבורו.**

**ז. רש"י שינה חיבורו שלשה פעמים קודם שפרסמו.**

**ח. רש"י נסע לכל העולם קודם שהו"ל פירושו כדי לראות אם לא נמצא מי שעוד כותב פירוש כמוהו.**

**ט. תוספות קורא פרש"י "קונטרס", מפני שקודם הו"ל בצורת קונטרס.**

**י. בנוגע צורת ביהמ"ק השלישי כותב רש"י בלש"ק** (ביחזקאל קאפיטל מ"ב פסוק ג') **"ואני לא היה לי לא רב ולא עוזר בכל הבנין הזה אלא כמו שהראוני מן השמים".**